# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

# א גארטן פון פאזיטיווע געדאנקען

## פרשת קרח

## חלק א. דער גארטן

### דאס נאכגעלאזטע פעלד

אין משלי (פרק כד:ל-לד), דערציילט אונז שלמה המלך א קורצע מעשה: "**עַל שְׂדֵה אִישׁ עָצֵל עָבַרְתִּי** - איך בין אמאל פארבייגעגאנגען א פעלד פון א פוילער מענטש, **וְעַל כֶּרֶם אָדָם חֲסַר לֵב** - און ער האט דארט אויך געהאט א וויינגארטן, און איך האב געקענט זאגן אז דער מענטש איז נישט מיט אלעמען." עס שטייט אין פסוק 'לב' און אין לשה"ק מיינט לב דער מח.

"למעשה, ווי אזוי האב איך געוואוסט אז דער בעל הבית איז אן עצל; א פוילער און א חסר לב; עס האט אים געפעלט דער פאסיגער סארט מח?" זאגט שלמה, **וְהִנֵּה עָלָה כֻלּוֹ קִמְּשֹׂנִים** - ווייל: אט, דער גאנצער פעלד איז געווען באוואקסן מיט דערנער, **כָּסּוּ פָנָיו חֲרֻלִּים** - און ווילדע גראז האבן באדעקט דעם גאנצן שטח. און נישט נאר וואס עס זענען געוועזן דערנער און ווילדע גראז וואס זענען געוואקסן אין פעלד אבער **וְגֶדֶר אֲבָנָיו נֶהֱרָסָה** - דער צוים פון שטיינער וואס נעמט ארום דאס פעלד האט שוין אנגעהויבן צו צעפאלן.

ווען א צווייטער וואלט פארבייגעגאנגען וואלט ער באמערקט אז דער בעל הבית איז א נאכגעלאזטער מענטש און שוין; אבער שלמה המלך האט געוואוסט אז קיין זאך פאסירט נישט אויף די וועלט פערצופאל. קיין זאך איז נישט סתם און אויב האט ער געזען אזא סצענע, מיינט דאס אז דער באשעפער וויל אים עפעס לערנען. "ס'איז מן השמים אז איך בין היינט געגאנגען אויף דעם וועג," האט שלמה געזאגט, "דער באשעפער האט מיר געפירט צו זען אזא פאל כדי איך זאל לערנען דערפון א וויכטיגער מוסר השכל."

### א רעצעפט פאר קאטאסטראפע

זאגט שלמה, "**וָאֶחֱזֶה אָנֹכִי** - איך האב ארייגעקוקט דערין." דאס ווארט '**אחזה**' באדייט עפעס אנדערש ווי '**אראה**'. 'אראה' מיינט צו זען מיט די אויגן דאס וואס איז אויבערפלעכליך און זעבאר, דאגעגן 'אחזה' באדייט א טיפערן בליק - ווי חזון ישעיהו, דאס איז נבואה.. "**אָשִׁית לִבִּי** - איך האב צוגעלייגט קאפ צו דעם אינצידענט, **רָאִיתִי לָקַחְתִּי מוּסָר** - איך האב געזען און איך האב גענומען דערפון א מוסר."

אלזא, דער ערשטער לימוד, אז דער בעל הבית פון די פעלד איז א פוילער מענטש, דאס איז פשוט. זאגט שלמה המלך, ווייל, **מְעַט שֵׁנוֹת** - א קליינער שלאף אין צייט ווען מ'דארף זיין ביי די ארבעט, **מְעַט תְּנוּמוֹת** - א קליינער דרימל; דאס מיינט אז דו לאזט אפ די ארבעט און כאפסט א דרימל דא און דארט, **מְעַט חִבֻּק יָדַיִם לִשְׁכָּב** - אביסל צוזאמלייגן דיינע הענט און זיך אראפלייגן פאר אפרו; אז מ'טוט דאס צו אפט, איז עס א רעצעפט פאר א חורבן.

ס'איז ווי דער מענטש וואס האט א טאוול אויף זיין טיר פון געשעפט. ס'איז דא א זייגער און עס שטייט, "מיר וועלן זיין צוריק אין 15 מינוט." קיינער וואס איז ערנסט מיט די ארבעט וועט נישט לייגן אזא טאוול. אויב האסטו דאס שוין, נעם עס אראפ און פארגעס דערפון - ווארף עס אוועק. צומאל האט עס דער שיך געשעפט, דער ספרים געשעפט אבער א מענטש גייט נישט צום ספרים געשעפט יעדע מינוט אין טאג און אויב פונקט אין די צייט ווען א אינגערמאן האט אפאר פרייע מינוטן, לאמיר זאגן בין הסדרים, קומט ער צום געשעפט און ער זעט דעם טאוול, 'מיר וועלן זיין צוריק אין 15 מינוט', גייט ער אינצווישן צוריק אין ישיבה און ער זעצט זיך דארט אראפ פאר אביסל צייט און ער קומט צוריק צוואנציג מינוט שפעטער און דער זעלבער טאוולווארט אים ווייטער אפ, 'מיר וועלן זיין צוריק אין 15 מינוט'.

### די אומבא'טעמ'טע באגעגעניש

אלזא, ס'איז גארנישט שלעכט צו נעמען אביסל אפרו. אבער דער מענטש וועלכער זוכט שטענדיג זיך ארויסצודרייען פון זיינע פליכטן, וואס וועט ארויסקומען פון די אלע תירוצים אז ער איז מיד און ער וועט עס טון שפעטער? **וּבָא מִתְהַלֵּךְ רֵישֶׁךָ** - דיין ארעמקייט וועט קומען ווי א 'מתהלך'. מתהלך מיינט א וואנדערער. איר ווייסט, ווען איר טרעפט אן א וואנדערער אויף די גאס איז עס נישט אזא געשמאקע סענזאציע. איר האט מורא פון אים; ער קען אייך אפשר עפעס שעדיגן.

און אזוי, א מענטש וואס געבט זיך נישט אפ מיט זיינע געשעפטן, ער פירט נישט זיינע עסקים, וועט ער אנטרעפן אומבא'טעמ'טע איבערראשונגען אין לעבן. "איר וועט אנטרעפן ארעמקייט," זאגט שלמה המלך, "פונקט ווי דו טרעפסט אן א וואנדערער אין גאס." דאס איז דער ערשטער פירוש; דער פסוק זאגט דיר אז אויב דו האסט א פעלד אדער א שיך געשעפט אדער אפילו אויב דו ביסט א מלמד אין חדר, מיט סיי וואס דו באשעפטיגסט זיך, דארפסטו זיך באפלייסן.

### באארבעט דיין פעלד

אבער עס איז דא נאך א ביאור, נישט אז די ערשטע פשט איז נישט ריכטיג אבער מיר וועלן רעדן איבער די אנדערע לימוד- די וויכטיגערע לימוד וואס שלמה המלך האט ארויסגענומען ווען ער האט געזען די פעלד. שלמה האט געזאגט ווי פאלגענד; א יעדע מענטש אויף די וועלט איז באשאנקען געווארן מיט נאך א פעלד- דו האסט דא אויבן אין דיין מח א שטיק לאנד וואס דער באשעפער האט דיך געגעבן פאר א סיבה, עס צו באארבעטן, עס צו אויסארבעטן מיט גוטע אידיאלן און גוטע מחשבות.

יעצט די ערשטע זאך דארפסטו וויסן אז אויב דו וועסט לאזן די פעלד אזוי ווי עס שטייט און גייט, וועט עס נישט בלייבן ווארטן אויף דיך אזוי ווי עס איז, בכלל נישט! נאר עס וועט פראדיצירן זאכן נאטורלעך. און נאטורלעך מיינט צווייגען און דערנער. אפילו א שטאטישע גאס אויב די גאנצע פארקער שטעלט זיך אפ פאר צען יאר וועט זיך די גאנצע גאס טוישן. עס וועלן אנהייבן וואקסען ביימער און נאך פופציג יאר וועט עס זיין א וואלד.

איך פארשטיי אז ביי די היינטיגע ענווייראליסטן איז א וואלד זייער געשעצט. אבער איר דארפט וויסן אז וועלדער זענען גוט פאר שלענג און בערן, פאר מאלפעס. אבער טראץ די אלע פראפאגאנדע, דארפן מענטשן א באארבעטע לאנד.

### די ערגסטע טראגעדיע

איז ווען שלמה המלך איז פארבייגעגאנגען יענע באוואקסענע פעלד האט ער זיך דערמאנט אין דעם געוואלדיגן תפקיד וואס מיר האבן אויף די וועלט. **רָאִיתִי** - איך האב געזען, **לָקַחְתִּי מוּסָר** - און איך האב אפגעלערנט א מוסר השכל פון דעם. שלמה המלך האט געטראכט, "א מענטש מיט א נישט באארבעטער פעלד אזוי ווי דאס, קענט איר זיכער זיין אז פונקט ווי זיינע פעלדער זענען נאכגעלאזט צוליב זיין פוילקייט, אזוי איז אויך זיין קאפ נאכגעלאזט. נאך אלעם, ס'איז גרינגער צו אקערן אין א פעלד פון ערד ווי אינעם פעלד דא אויבן אין קאפ. און דערפאר, אויב זיין פעלד איז פול מיט דערנער און ווילדע גראז, מוז זיין אז דער מח פון דער פוילער מענטש איז אויך ווי א מדבר. צוליב דעם רופט אים שלמה המלך אן '**אָדָם חֲסַר לֵב**', א מענטש וואס ס'פעלט אים שכל.

אלזא, ווען דער מענטש פלאנצט נישט איין פירות און ירקות אין זיין גארטן אדער ער פלאנצט נישט איין ווייץ אין זיינע פעלדער, איז עס אן קיין ספק א גרויסע רחמנות. נאך אלעם, ס'איז א שאנדע צו פארפאטשקען אזעלכע גוטע

ערד; ער קען אפילו ווערן ארעם צוליב זיין נאכגעלאזנקייט. אבער איר מוזט וויסן אז אויב א מענטש איז ארעם אין קאפ, דאס איז די גרעסטע טראגעדיע. נישט צו האבן פרנסה איז געפערליך; ס'איז א גרויסע זינד צו זיין פויל און נישט ערפילן די פליכטן וואס מ'האט זיך אונטערגענומען אין די כתובה, אבער נאך אלעם זענען דא נאך מקורות פון וואו מ'קען באקומען געלט; פון קופאנס, אפשר האט מען א רייכער פעטער וואס וועט ארויסהעלפן - עפעס וועסטו שוין טרעפן. אבער אויב האסטו אן ארעמער מח, וועט דיר קיינער נישט ראטעווען.

## א פעלד פון פרוכט ביימער

אלזא, ווען מיר רעדן פון איינפלאנצן גוטע זאכן אין קאפ, פון אויסרייסן די דערנער און איינפלאנצן הערליכע ביימעלעך, דארפט איר וויסן אז עס זענען פארהאן פיל פארשידנארטיגע סארטן פרוכט ביימער וואס א מענטש קען האבן דא אויבן. ווען דו פארמאגסט אזא ערד פארמעגן פלאנצסטו נישט בלויז טרויבן און געענדיגט. דו דארפסט אויך איינפלאנצן קארשטן און עפלעך און בארן. דער מח פון א איד האט אזויפיל אפטיילונגען, פיל פרוכט פעלדער, און מיט יעדע באזונדער דארף מען זיך גוט אפגעבן.

ס'איז דא איין פרוכט בוים פון **אהבת ה'** און אן אנדערער פון **יראת ה'**. ס'איז דא א פרוכט בוים פון ש"ס און א פרוכט בוים פון חומש. ס'איז דא **'בחינה'** - דאס מיינט צו זען דעם באשעפער אין די וועלט ארום דיר, און ס'איז דא אמונה. דו דארפסט זיך אפגעבן מיט דעם פרוכט בוים פון בטחון און מיט א באזונדערער פרוכט בוים פון חסד. ס'איז דא זייער אסאך פעלד ארבעט צו טון. אויף דעם וועסטו דארפן אויסהערן אונזערע טעיפס פאר לאנגע יארן - נישט נאר פון מיר; דו קענסט אויך גיין צו בעסערע פלעצער - אבער סיי וואס דו לערנסט, ס'איז דא אסאך פלאנצונג ארבעט צו טון.

## אויסרייסן די דערנער

איינע פון די וויכטיגסטע פעלדער וואס א איד מוז איינפלאנצן אין זיין קאפ - וואס דאס ווערט אבער די מערסטע פארזען - איז דער פליכט פון ווי אזוי צו קוקן מיט א גוט אויג אויף א צווייטן איד. ס'איז א מצוה אין די תורה: **בְּצֶדֶק תִּשְׁפֹּט עֲמִיתֶךָ**. דאס מיינט, אז ס'איז דיין תורה'דיגער פליכט צו טראכטן גוטס אויף יעדן פרומער איד (שבועות ל.).

אלזא, מיינט נישט אז דאס איז עפעס וואס מ'קען איגנארירן - צי דו ווילסט יא אדער נישט, טוט דיין מח שטענדיג פארעמען מיינונגען איבער אנדערע. מ'קען דאס נישט העלפן; דו מאכסט אלעמאל אפשאצונגען אויף אנדערע. א קו, להבדיל, קען דורכגיין איר לעבן אן צו טראכטן, אן צו אפשאצן אנדערע; אבער אויב ביסטו אן אדם, דאן טוסטו אפשאצן - באלד ווי דו זעסט איינעם, שוין פארעמסטו מיינונגען איבער אים.

און דערפאר דארפסטו ווערן פארנומען מיט דיין פעלד פון **בצדק תשפט עמתך** ווייל אויב דו באארבעטסט נישט דעם פעלד פון דן זיין לכף זכות, וועלן דארט וואקסן בלויז דערנער. אלע סארטן דערנער; קנאה, כעס, אויפרעגונג, גאוה און נאך אנדערע זאכן. און איינמאל דיין קאפ איז פול מיט דערנער, ובא מתהלך, א שלעפער קען קומען צו גיין און דיר פארכאפן אומגערישט. איר קענט ווערן איבערראשט - די נישט ריכטיגע זומען וואס וואקסן ווילד אין דיין קאפ קען איין טאג זיך שטעלן קעגן דיר מיט א נסיון; פלוצלינג וועט א פראבע אונטערקומען און דו ביסט שוואך - ווער ווייסט וואס עס קען חס ושלום פאסירן ווייל דו ביסט נישט אנגעגרייט. אמאל קען א מענטש אינגאנצן צוגרונד גיין ברוחניות - זיין גאנצע לעבן איז חרוב צוליב די פאר'סמ'טע זומען וואס זענען שטייטעלעך געוואקסן אין זיין קאפ.

## די דערנער נעמען איבער

איך קען א מעשה. ס'איז געווען א בחור ביי אונז אין ישיבה וואס איז געקומען פון זייער א גוטע שטוב, זייער פרומע מענטשן. זיין טאטע איז געווען א רב אין א שטיבל. ער איז געווען א גוטער בחור אין לערנען - ער האט געהאט א הערליכע פעלד פון זאפטיגע פירות ווען עס איז געקומען צו לערנען גמרא - אבער ער האט נישט געהאט קיין אינטערעסע צו באארבעטן די אנדערע פעלדער; ווען עס איז געקומען צו לערנען אין ישיבה יראת שמים יעדן טאג א האלבע שעה, האט ער זיך קיינמאל נישט מטריח געווען. ער איז נישט געווען אינטערעסירט.

ווען איך בין ארויס פון ישיבה איז ער אויך ארויס און איך האב פארלוירן קאנטאקט מיט אים. יארן שפעטער האב איך געהערט אז ער געפינט זיך ערגעצוואו אין מעריב אמעריקע. אין מעריב אמעריקע? ער האט אוועקגעווארפן זיין אידישקייט. איי! אזא שטוב! איך האב אים איבערגעלאזט אלס א בחור פון א חסיד'ישע שטוב. יעצט איז ער א פסיכאלאג און ער איז ליידיג, ער איז אפגעטון. איך בין געווען שאקירט! איך האב אים געקענט פון ישיבה. ער איז געווען א גוטער בחור.

וואס האט פאסירט? ער האט קיינמאל נישט באארבעט דעם גארטן פון זיין מח! ער האט געטראגן א שיינער שווארצער סאמעטענער הוט אבער מ'קען זיך נישט פארלאזן אויף דעם - וואס עס מאכט אויס בעיקר איז וואס עס ליגט אונטער'ן הוט. אויסער אויב דו לייגסט עפעס אריין דא אין דיין גארטן און דו באארבעטסט עס א גאנצע צייט, וועסטו נישט זיין גרייט אויף א יום צרה, פאר די נסיונות אין לעבן, און ווער ווייסט וואס עס קען פאסירן?

## איינזייען דערנער

אין משלי (יד:כב) לערנען מיר אן אנדערער פסוק וואס האט שייכות מיט אונזער נושא. דער פסוק רעדט איבער דעם ענין פון מחשבות און עס זאגט: **הֲלוֹא יִתְעוּ חֹרְשֵׁי רָע** - צי וועלן זיי נישט פארלוירן גיין, די וועלכע זייען איין שלעכטע מחשבות אין זייער פעלד אין מח? ווען מענטשן הייבן אן טראכטן שלעכטס אויף אנדערע, ווען זיי האבן ליב צו זען די שולד פון אנדערע מענטשן, זייערע מחשבות זענען אזוי ווי זומען וואס וועלן אויסוואקסן אלס גרעסערע מחשבות ביז מיט די צייט וועלן זיי אינגאנצן פארלוירן גיין.

לאמיר זאגן ס'איז דא איינער וואס זיצט אין שול און רעדט און רעדט לשון הרע אויף יעדן - דער מענטש איז דאס און יענער מענטש איז יענץ. זיין קאפ איז פול מיט פארדאכט אויף אנדערע. יעדער איז אומגערעכט! ער זיצט אינדערהיים און רעדט מיט זיין ווייב לשון הרע אויף יעדן. באזיכער קומען און ווען זיי גייען אוועק רעדן זיי לשון הרע אויף די באזיכער. ער זוכט אלעמאל די שלעכטס.

זאגט דער באשעפער: דאס איז וואס דו זוכסט? דו זוכסט צו אריינגעבן סם אין דיין קאפ? **הבא לטמא פותחין לו**, איך וועל דיר לאזן מצליח זיין. דו וועסט מצליח זיין און דיין מח וועט ווערן פארגיפטעט דורך די ערגסטע סארט פון אונאת דברים. דו וועסט בעסער און בעסער קענען טרעפן שלעכטס אין אנדערע מענטשן - ווי מער א מענטש זוכט וואס איז שלעכט אין אנדערע, אלס מער וועלן מענטשן ווערן ערגער און ערגער אין זיינע אויגן, ביז **יִתְעוּ** - ער וועט אינגאנצן פארלוירן גיין.

# חלק ב. קרח'ס גארטן

## דער גרויסער און קאטאסטראפישער מענטש

עס האט פאסירט פיל מאל אין אונזערע געשיכטע צו זייער גרויסע לייט. מיר וועלן נעמען איין ביישפיל פון די וואכעדיגע פרשה. יעדער ווייסט וואס עס האט פאסירט צו קרח, ווי אזוי די ערד האט געעפנט א מויל און אים איינגעשלונגען און ער איז פארלוירן געגאנגען אויף אייביג.

ס'איז א טראגישע געשעעניש און מיר וועלן נעמען די צייט עס דורכצולערנען מיט געוויסע פרטים ווייל דאס איז דער טעם פארוואס די תורה באמיט זיך צו רעדן דערפון באריכות. דאס איז ערווארטעט צו דינען אלס ביישפיל פאר אונז אין אונזער טעגליכע לעבן, צו זען ווי געפארפול עס איז צו האבן א מח וואס איז נישט באארבעט מיט די פולסטע פלעגונג.

אלזא, פארשטייט מיר נישט שלעכט; קרח איז געווען א גרויסער מענטש. ערשטנס, קיינער וואס איז נישט געווען גוט האט געקענט ארויסגיין פון מצרים. געדענקט וואס מיר זאגן פסח אין די הגדה צו דעם רשע: **אִילּוּ הָיָה שָׁם, לֹא הָיָה**

**נִגְאָל** - אויב וואלט ער געווען דארט, וואלט ער נישט געווארן אויסגעלייזט. דאס איז א פאקט אז די וועלכע זענען נישט ווערד געווען זענען נישט ארויס פון מצרים. און דערפאר, אויב קרח איז ארויס פון מצרים קענט איר זיין זיכער אז עס איז זיך אים געקומען. קרח איז דורכגעגאנגען דאס וואס יעדער איינער האט מיטגעלעבט. ער איז אריבער דעם ים סוף מיט יעדן און בשעת ער איז געגאנגען האט ער געזונגען אז ישיר. איך שטעל זיך פאר ער האט געהאט א הערליכע קול און אז ער האט געזונגען פונקט אזוי הויך ווי יעדן.

אבער נישט נאר וואס קרח איז געווען ווערד צו ארויסגיין פון מצרים און מיטלעבן די אלע ניסים אין מדבר נאר ער איז אויך געשטאנען מיט גאנץ כלל ישראל ביים הר סיני און מקבל געווען די תורה. **וַיִּחַן שָׁם יִשְׂרָאֵל נֶגֶד הָהָר** - און דאס פאלק האט גערוט קעגן דעם בארג סיני (שמות יט:ב). עס שטייט נישט, **וַיַּחֲנוּ**, און זיי האבן גערוט. עס שטייט **וַיִּחַן**, לשון יחיד - און ער האט גערוט, וואס מיינט, אז דאס גאנצע פאלק האט גערעדט **כאיש אחד**. דאס באדייט אז קרח און זיינע אלע מענטשן זענען אויך געשטאנען ביים הר סיני און צוזאמען מיט יעדן האבן זיי אויסגעשריגן "**נעשה ונשמע**" מיט דעם גרעסטן התלהבות.

## די טראגעדיע

איז קענט איר זיכער זיין אז קרח איז געווען א גוטער, פרומער איד. און דערפאר איז עס א גרויסע קשיא - וואס האט פאסירט? ווי אזוי קען אזא גרויסער פערזענליכקייט פאלן אזוי ווייט?

דער ענטפער איז אז ער האט געלאזט ווילדע גראז וואקסן אין זיין מח. דאס איז געווען א רעזולטאט פון זיין א **חוֹרֵשׁ רָע** - קרח האט איינגעזייט שלעכטס; ער האט אנגעהויבן טראכטן שלעכטס אויף אנדערע, ער האט געפלאנצט זומען אין זיין מח פון דן זיין לכף חוב און אט די קליינע זומען זענען אויסגעוואקסן צו גרויסע ביימער; ביימער מיט פארגיפטעטע פירות.

מיר ווייסן פון דעם גרויסן טאג פון הקמת המשכן, ווען דער משכן איז ענדליך אויפגעשטעלט געווארן אויף די וועלט און דאס אידישע פאלק וועט יעצט זוכה זיין צו דעם אויסערגעווענליכן זכות צו האבן דעם באשעפער רוען צווישן זיי; עס זענען געווען זייער ווייניג אזעלכע טעג אין די היסטאריע פון די וועלט - מ'קען זאגן קיין שום אנדערער טאג - ווען עס האט געהערשט אזא געוואלדיגע מאס פון שמחה.

דאס גאנצע פאלק האט געפייערט. **וַיֵּרָא כְבוֹד ה' אֶל כָּל הָעָם** - און דער כבוד פון באשעפער האט זיך באוויזן צו דאס גאנצע פאלק, **וַתֵּצֵא אֵשׁ מִלִּפְנֵי ה'**... **וַיַּרְא כָּל הָעָם וַיָּרֹנּוּ** און א פייער איז ארויסגעקומען פון פאר דעם באשעפער... און די אלע מענטשן האבן געזען, און זיי האבן אויסגערופן אין געזאנג (ויקרא ט:כג-כד). שטעלט זיך פאר אזא זאך! א גאנצע פאלק; מיליאנען מענטשן, שרייען מיט גרויס התלהבות זעענדיג די שכינה הק'.

און דאן האט פלוצלינג פאסירט א טראגעדיע. **וַתֵּצֵא אֵשׁ מִלִּפְנֵי ה' וַתֹּאכַל אוֹתָם** - עס איז ארויס א פייער פון באשעפער און האט איינגעשלונגען נדב און אביהו, די צוויי זין פון אהרן הכהן וועלכע זענען אריין אין קדשי קדשים צו דינען אלס די נייע ערוועלטע כהנים, **וַיָּמֻתוּ לִפְנֵי ה'**, און זיי זענען געשטארבן פאר'ן באשעפער (שם. י:ב).

## פארשטיין די טראגעדיע

אלזא, דאס גאנצע פאלק ווען זיי האבן געזען די טראגעדיע, זענען זיי געווארן איבערגענומען מיט שאקירונג און טרויער. אין דעם פרייליכסטן טאג זאל אזא זאך פאסירן?! דאס איז געווען אומבאגרייפבאר! און קרח איז אויך דארט געווען אינאיינעם מיט יעדן; ער איז דארט געשטאנען, קוקנדיג, און אויך אים האט עס געוואונדערט: 'ווי אזוי קען אזא זאך פאסירן אז די צוויי זין פון אהרן זאלן שטארבן אין משכן דורך די הענט פון באשעפער?! אזעלכע געהויבענע לייט, צדיקים, זאלן פאלן טויט אינמיטן אזא געהויבענע פייערונג?!'

למעשה, קרח האט פארשטאנען אז דער באשעפער טוט נישט קיין זאכן אן קיין טעם - בפרט אזא שרעקליכע טראגעדיע - און דערפאר פארשטייען מיר אז ער האט אנגעהויבן צו באשולדיגן משה רבינו. קרח האט געטראכט, 'אפשר איז עס ווייל זיי וואלטן נישט געדארפט דארט זיין פון אנהייב אן! דאס איז וואס איך האב געטראכט א גאנצע צייט - ס'איז אמת אז זיי זענען געווען גרויסע לייט אבער צי דען זענען זיי געווען די איינציגסטע וואס זענען ווערד געווען אויסגעוועלט צו ווערן? איז דאס געווען א גערעכטיגקייט אז משה זאל אויסוועלן זיין ברודער און זיין ברודער'ס קינדער אלס די כהנים? פארוואס זאלן זיי אויסגעוועלט ווערן אנשטאט מיר און מיינע קינדער? נאך אלעם, בין איך אויך א לוי.'

## איינע פון די בעסטע

אלזא, קרח וואלט דאס נישט געזאגט אויב ער וואלט געווען אבי ווער אדער א פשוט'ער לוי. דער אמת איז , אז קרח איז געווען פון צווישן די חשוב'סטע לויים; ער איז געווען א למדן און א צדיק און ער האט אויך געהאט זייער חשוב'ע זין, פונקט ווי אהרן. **לַמְנַצֵּחַ לִבְנֵי קֹרַח מִזְמוֹר** - די קינדער פון קרח האבן געזונגען הערליכע תפילות אין ספר תהלים. דער באשעפער האט זיי געגעבן רוח הקדש און זיי האבן געזונגען הייליגע מזמורים צום באשעפער; זיי זענען געווען געהויבענע ביישפילן פון לויים וואס האבן געזונגען שירי קודש צום באשעפער. מיר זעען שפעטער (במדבר כו:יא) אז **וּבְנֵי קֹרַח לֹא מֵתוּ** - זיי זענען נישט געשטארבן צוזאמען מיט קרח ווייל זיי זענען געווען צדיקים גמורים. און זייער פאטער איז זיכער געווען א חשוב'ער פערזענליכקייט - א מענטש איז נישט זוכה צו אזעלכע קינדער נאר אז ער אליין האט געארבעט אין זיין לעבן צו קונה זיין גרויסע מדריגות אין מידות.

'איז אויב האב איך אזעלכע גוטע קינדער,' האט קרח געטראכט א גאנצע צייט, 'פארוואס זענען מיר נישט אויסגעוועלט געווארן?' און אזוי, שוין אין די צייט ווען אהרן'ס קינדער זענען אויסגעוועלט געווארן האט א קערנדל פון חשד אנגעהויבן צו וואקסן אין זיין מח; זומען פון דן זיין לכף חובה זענען איינגעפלאנצט געווארן אין קרח'ס קאפ און ער האט אנגעהויבן חושד זיין אז אפשר האט אהרן נישט געהאט די רעכט צו זיין א כהן.

און יעצט, ווען ער האט בייגעוואוינט וואס עס האט פאסירט ביי די חנוכת המשכן, האבן די אלע ווילדע גראז פון חשד וואס זענען איינגעפלאנצט געווארן אין זיין מח אנגעהויבן ארויסגעבן זייערע גיפטיגע פירות. 'יעצט זעט איר אז איך בין געווען גערעכט. דער באשעפער האט געוויזן זיין אומצופרידנקייט - זיי זענען נישט באמת געווען פאסיג דערפאר. ס'איז געווען משה רבינו וואס האט געגעבן די כהונה צו זיין ברודער'ס פאמיליע, נישט דער באשעפער.'

## א טובה פאר משה

למעשה, קרח האט געוואוסט פונקט ווי אונז אז דער באשעפער האט געזאגט צו משה, "נעם דיין ברודער אהרן און **הקרב**, ברענג אים נאנט." קרח האט אויך געוואוסט אז עס איז געווען דאס ווארט פון באשעפער אבער ער האט עס אנגעהויבן צו פארענטפערן אזוי - דאס, זאג איך נאך וואס איך האב געהערט פון מיין רבי זכרונו לברכה - קרח האט געטראכט: 'משה רבינו האט געטון אזויפיל גוטע זאכן פאר'ן באשעפער. ער האט אים געדינט געטריי, ער האט ארגאניזירט די אידן, ער האט זיי ארויסגענומען פון מצרים, ער האט זיי געברענגט אינאיינעם צו מתן תורה - ער האט געלעבט אינגאנצן פאר'ן באשעפער און דער באשעפער האט געשפירט א געוויסע התחייבות, א הכרת הטוב, צו משה רבינו.

ממילא, ווען משה רבינו האט געזאגט א גוט ווארט אויף זיין ברודער, "קענסטו מאכן מיין ברודער אהרן אלס כהן גדול און זיינע זין זאלן זיין כהנים," האט דער באשעפער אים נישט געוואלט אפזאגן.' **רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה** - דער באשעפער טוט דעם ווילן פון די וואס פארכטן אים (תהלים קמה:יט). ווי מיר זאגן, **צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים** - ווען א צדיק וויל עפעס ערפילט דער באשעפער זיין ווילן. דאס איז א כלל, אז אפגעזען פון וואס דער באשעפער וואלט געטון, איז איינע פון זיינע חשבונות, צו ערפילן דעם רצון פון די צדיקים. דער באשעפער קען טוישן דעם סדר פון די היסטאריע כדי צו ווייזן זיין ליבשאפט פאר זיינע אויסדערוועלטע, כדי די וועלט זאל זען אז ער האט זיי ליב.

דאס איז וואס קרח האט געטראכט: 'דאס איז נאר ווייל דער באשעפער האט נאכגעגעבן משה'ס רצון. אבער ווער זאגט אז דאס איז געווען דאס בעסטע פאר כלל ישראל? פארוואס האט ער נישט געזאגט א גוט ווארט איבער מיר? צי בין

איך דען ערגער ווי זיין ברודער? קען זיין אז איך בין אפילו פאסיגער פאר דעם תפקיד ווי זיין ברודער. אויב משה רבינו וואלט געווען מושלם אן קיין פלעק אין זיינע מידות, אן קיין שום באגער צו הערשן אויפ'ן פאלק, אויב ער וואלט געווען אינגאנצן אן עניו, דאן וואלט ער נישט באגערט אזא אויסשטעל. און דערפאר, האבן מיר צוליב אים געליטן פון אזא גרויסע טראגעדיע אין א צייט וואס האט געזאלט זיין דער פריילעכסטער טאג אין אונזער געשיכטע.'

## זעלבסט דערנידערונג

אלזא, דער אמת איז אז עס איז נישט געווען אזוי. משה רבינו האט געזאגט, "וואס ווילסטו פון מיר? איך האב גארנישט געזאגט פאר'ן באשעפער. **לָכֵן אַתָּה**, דו, קרח, **וְכָל עֲדָתְךָ**, און דיין גאנצע עדה, **הַנֹּעָדִים**, וואס זענען איינגעזאמלט צוזאמען, **עַל ה'**, קעגן דעם באשעפער; נישט קעגן מיר. **וְאַהֲרֹן מַה הוּא כִּי תַלִּינוּ עָלָיו** - וואס איז אהרן אז איר זאלט האבן טענות קעגן אים? (קרח טז:יא). **וְאַהֲרֹן מַה הוּא**, אהרן איז ביי זיך גארנישט. אהרן האט נישט קיין שום באגערן. ער האט גארנישט געוואלט אויף די וועלט; ער האט אפילו נישט געהאט דעם מינדעסטן חשש פון ווערן אויסדערוועלט. **מה הוא!** 'מה' מיינט אינגאנצן גארנישט. **וְנַחְנוּ מָה**, משה רבינו האט געזאגט, "ווער זענען מיר? מיר זענען גארנישט. אהרן און איך זענען אינגאנצן גארנישט. אלעס איז נאר דער באשעפער."

אזא סארט עניוות האט מען געזען ביי די אמת'ע מנהיגים פון כלל ישראל. אזוי ווי אין די קעלמער תלמוד תורה; מענטשן זענען דארט געזעסן און אויסגעהערט, בשעת דער אלטער ראש ישיבה וואס האט געזאגט דעם שמועס איז געזעסן אויפ'ן הינטערשטן זיך. ער האט גערעדט פונעם הינטערשטן זיך, אזוי אז ער האט קיינעם נישט געזען. און מיר האבן נאר געהערט זיין קול, מיר האבן אים נישט געזען. ער האט זיך אינגאנצן אפגעמעקט. ער האט נישט עקזיסטירט. א מענטש זיצט אינעם הינטערשטן זיך און ער רעדט. יעדער איז געזעסן קוקנדיג צום פארנט און אויסגעהערט. אזוי פלעגן זיין אונזערע מנהיגים.

למעשה, ס'איז אמת אז משה האט געהאט א געוואלדיגע מאכט, אבער אין די זעלבע צייט האט ער געהאט די מעגליכקייט צו דערנידערן זיין פערזענליכקייט אזוי ווייט, אז גארנישט פון זיינע אייגענע באגערן איז געשטאנען אין וועג. אזוי גרויס זענען אמת'ע אידישע מנהיגים. זיי קענען מאכן זייער פערזענליכקייט פאר גארנישט. זיי מעקן אפ אלע זייערע באגערן כדי עס זאלן נישט זיין קיין שום מחיצות וואס שטייען אין וועג צווישן דעם באשעפער און דאס פאלק.

## דער אומגליקליכער סוף

אבער קרח האט זיך נישט צוגעהערט צו דעם. ס'איז געווען פאר אים שווער צו פארשטיין אזא זאך, ווייל ער האט שוין געהאט איינגעזייט זומען פון שלעכטס פאר אזוי לאנג; קרח איז נישט געווען אן אכזר, א כוליגאן וואס האט געקענט אזוי לייכט פארפירט ווערן דורך א פארטיזאנישע מרידה. ער איז געווען א גרויסער מענטש. די גמרא זאגט עדות אויף דאס חשיבות פון קרח. אבער דאס איז וואס עס פאסירט אין א מח וואס ווערט נישט באארבעט מיט די גרעסטע אפגעגעבנקייט.

קרח האט שוין געהאט געזייט און געפלאנצט אט די שפראצונגען פון דן זיין לכף חוב און יעצט האבן זיי ארויסגעשפראצט אלס גיפטיגע פירות: "וואס מיינסטו דערמיט אז דו ביסט גארנישט? דו מיינסט צו זאגן אז דו קענסט אפמעקן פון זיך אלע נייגונגען וואס א מענטש פארמאגט? צי האסטו נישט כאטש אביסל ליבשאפט צו זיך אליין? ס'איז בלויז צוליב דיר! דו האסט עס אזוי געמאכט אז דער באשעפער זאל אויסוועלן דיין ברודער. דו האסט געקענט ווי-נישט-ווי עס ארויסבאקומען פון באשעפער."

און עס איז געווען די דאזיגע זומען אין קרח'ס קאפ וואס האבן אים מיט די צייט געפירט צום אפגרונד. **וַתִּפְתַּח הָאָרֶץ אֶת פִּיהָ**. ווייל קרח האט געעפנט זיין גרויסע מויל, האט די ערד געעפנט איר גרויסע מויל און אים איינגעשלונגען אריין אין גיהנום אויף אייביג. ער איז געווען א גוטער מענטש, קרח; זייער א גוטער מענטש. אבער **הֲלוֹא יִתְעוּ חֹרְשֵׁי רָע** - צי וועלן זיי נישט פארלוירן גיין, די וועלכע זייען איין שלעכטע מחשבות אין זייער פעלד פון מח? סיי ווי גוט דו ביסט, אויב ביסטו צו פויל צו באארבעטן דעם פעלד פון גוטע מחשבות איבער אנדערע, דאן וועלן די זומען ארויסגעבן דערנער און ווילדע גראז און עפעס שלעכטס וועט זיכער פאסירן.


# מודעה נחוצה

לכבוד אלע חשובע לומדים "תורת אביגדור אידיש" שיחי'

ווי איר זעהט טוען מיר מהנה זיין כלל ישראל מידי שבוע בשבוע מיט מפיץ זיין **תורת אביגדור-אידיש**, בחינם אין כסף.

אלעס מיט די הילף פון נדיבי עם וואס האבן עטוואס געהאלפן צו באצאלן פאר שרייבער, פרינטען, און מפיץ זיין אין די בתי מדרשים.

**לעצטענס זענען אלע הוצאות זייער ארויף און מיר האבן נישט קיין געלט אנצוגיין ווייטער אן דעם וואס איר חשובע לומד זאל נושא בעול זיין מיט די הוצאות און אנגעזאמלטע חובות.**

**לעת עתה איז נישט דא קיין געלט פאר קומענדיגע חודש תמוז**

אויב וועט נישט זיין קיין ספאנסער'ס וועלן מיר נישט קענען שרייבן, דרוקען און פארשפרייטען אין די בתי מדרשים ווי אויך נישט אין אי-מעיל.

- אנגעהויבן פון קומענדיגע פרשת חקת -




**אויב ווילט איר מהנה זיין רבבות מישראל**

ביטע שרייבט אדער רופט צו ספאנסערן א חודש און די זכות הרבים וועט אייך זיכער ביישטיין לכל מיל דמיטב

משה הורוויץ

director@torasavigdor.org - 347-451-0332


# חלק ג. דיין גארטן

## דער ציל פון די ערציילונג

אלזא, ס'איז וויכטיג צו פארשטיין אז די פאסירונג איז אריינגעשטעלט געווארן אין די תורה נישט בלויז צו אנפילן פלאץ, אונז צו דערציילן א מעשה פון עפעס וואס האט פאסירט אין מדבר. די תורה האט זיך באמיט צו באשרייבן די פאסירונג פון קרח באריכות **לְאוֹת לִבְנֵי מֶרִי**, אלס א צייכן פאר ווידערשפעניגע מענטשן (קרח יז:כה).

עס שטייט קלאר: **וְלֹא יִהְיֶה כְקֹרַח וְכַעֲדָתוֹ** - איר זאלט נישט זיין ווי קרח און זיין עדה (שם. יז:ה). געוויסע פוסקים האלטן אפילו אז דאס איז א הלכה אין די תורה אז איר זאלט נישט נאכגיין די וועגן פון קרח; דאס מיינט נישט בלויז אז איר זאלט נישט מאכן קיין מחלוקת - עס מיינט, אז איר זאלט זיין פארזיכטיג נישט איינצופלאנצן די זעלבע זומען וואס קרח האט איינגעפלאנצט ביי זיך, די

קערנדלעך פון דן זיין לכף חוב וואס פירן צו מחלוקת.

אלזא, עס מיינט נישט אז אויב דו ביסט דן לכף חוב, קענסטו ערווארטן אז היינט אדער מארגן וועט די ערד עפענען איר מויל און דיר איינשלינגען. דאס איז נישט דער וועג ווי אזוי דער באשעפער פירט די וועלט, אבער קרח דינט אלס א משל צו וויסן צו וואו דו ווערסט געפירט. **הלוא יתעו חרשי רע** - זיכער וועלן זיי פארלוירן גיין, די וועלכע זייען איין קערנדלעך פון שלעכטע מחשבות אין זייערע קעפ.

## א געפארפולער עסק

אודאי, קרח האט עס גלייך באקומען איבערן קאפ ווייל ער האט זיך אנגעהויבן מיט דעם אומפאסיגן פערזענליכקייט. ער האט אויסגעוועלט דער מערסטער אומפאסיגער מענטש מיט וועמען זיך אנצוהייבן! אויב וואלט ער חושד געווען, לאמיר זאגן, עפעס א פשוט'ער איד אין מדבר, וואלט עס אויך נישט גוט געווען, אבער ער וואלט נישט אנגעקומען אין די ערד גלייך. קרח האט זיך אבער אנגעהויבן מיט משה רבינו - דאס איז ווי אנצורירן אן עלעקטרישער דראט מיט א כח פון 100,000 וואלט.

אבער איר קענט זיכער זיין אז דאך איז עס זייער א גרויסע סכנה צו חושד זיין יעדן איד. יעדער פרומער איד, אפילו אויב ער איז נישט משה רבינו, איז ער באליבט ביים באשעפער. וועלכער איד? דער נארישסטער איד. דער איד מיט אלע פראבלעמען; ער איז מיאוס, ער איז פרעך, ער איז פאסקודנע. ער שמייכלט נישט צו דיר, ער שטעלט זיך אין וועג פון דיין קאר ארויסגאנג. ער געבט דיר נישט קיין העכערונג אין געהאלט. דאך, דער באשעפער האט צו אים א טיפע ליבשאפט און א פייערדיגע אהבה.

כאטש ער איז טאקע נישט משה רבינו - איז ער נישט א 100,000 וואלט לעבעדיגע לעקטער דראט - אבער ס'איז נאך אלץ א זייער געפארפולער עסק צו קוקן מיט א שלעכטן בליק אויף יעדן פרומער איד. איך רעד נישט יעצט פון רשעים; איך רעד נישט פון מלמד זכות זיין אויף זינדיגע מענטשן - דאס וועל איך לאזן פאר א צווייטן וואס איז גרעסער ווי מיר; די פרומע אידן, די שומרי תורה ומצוות, די זענען די וועמען דער באשעפער האט ליב און דערפאר איז איינע פון דיינע וויכטיגע פליכטן אויף די וועלט צו זיין אן אוהב צדק, צו וועלן טרעפן דאס גוטס אין א צווייטן איד און אים אלעמאל דן זיין צום גוטן.

## דו קענסט נישט ווערן פויל

דאס מיינט אז מיר דארפן ווערן פארנומען ווייל ס'איז אוממעגליך דאס אויסצופירן אויב מען ארבעט נישט אויף דעם. עס וועט נישט געשען אויב ביסטו א פוילער מענטש. **עַל שְׂדֵה אִישׁ עָצֵל עָבַרְתִּי** - איך בין פארבייגעגאנגען א פוילער מענטש'ס גארטן, האט שלמה געזאגט, ער האט נישט אויסגעריסן די דערנער גלייך ווי ער האט עס געזען וואקסן, וואס איז געוואקסן אין זיין מח? **כָּסּוּ פָנָיו חֲרֻלִּים**, ווילדע גראז און אלע סארטן גיפטיגעווארצלען וואקסן דארט.

דאס מיינט, אז אויסער אויב דו ביסט שטענדיג פארנומען אויסצורייסן די דערנער, וועט וואקסן גיפט. און דערפאר, באלד ווי די מחשבה קומט אריין אין דיין קאפ אז דו האסט נישט ליב יענער מענטש, מוזטו עפעס טון דערצו. דו קענסט נישט זיין אן איש עצל! אנשטאט צו לאזן יענע קערנדל שפראצן, דארפסטו גלייך פרובירן עס אויסצורייסן. דעריבער, סיי ווען דו האסט פאראיבל אויף איינעם, אויב ווילסטו נאכגיין די וועגן פון באשעפער, דארפסטו פרובירן צו זיין ווי אן אדוואקאט און טרעפן עפעס א תירוץ מיט וואס יענעם צו בארעכטיגן.

אפילו אויב דו ווייסט אז ער האט געטון עפעס נישט ריכטיג, קענסטו זאגן ווי פאלגנד: "עס קען זיין אז ער האט נישט באמערקט אז עס איז נישט ריכטיג." דו קענסט זאגן, "ער האט נישט געוואוסט ווי הארב עס איז. אפשר איז ער אומוויסנד. אפשר ווייסט ער נישט ווי גרויס עס איז די עבירה." אויב האט ער געטון עפעס דיר צו שטערן, דאן דארפסטו אויך ווערן פארנומען מיט אויסרייסן די דערנער - 'אפשר האט זיין באלעבאס היינט געשריגן אויף אים.' 'אפשר טראגט ער דאגות פון פרנסה, איבער זיינע קינדער.' דו פארקוקסט אויף סיי וואס עס איז און דו ווישסט עס אפ פון דיין מח. אנשטאט צו זיין פויל און לאזן וואקסן די גיפטיגעווארצלען, שטרענגסטו אן דיין פאנטאזיע צו איבערטוישן דאס וואס זעט אויס צו זיין א טאט פון אומפאראנטווארטליכקייט, א טאט פון א זינד, און דו טייטשסט עס איבער אויפ'ן בעסטן אופן.

דאס איז גאר א וויכטיגער פליכט ביי אידן. מיר דארפן זיך מתגבר זיין אויף דעם יצר הרע פון פראבירן טרעפן שולד ביי אונזערע שכנים און ביי אונזערע מחותנים, אין אונזערע שנירן און איידעמער, און ביי סיי וועמען מיר קומען אין בארירונג.

## דו קענסט נישט פארשטיין

דו קענסט נישט טראכטן פון א תירוץ? אפשר ווייסטו נישט ווי אזוי צו טראכטן. צווישן די פליכטן פון דן זיין לכף זכות, שטייט **אַל תָּדִין אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ** - זיי נישט דן דיין חבר ביז דו געפינסט זיך נישט אין זיינע שיך. אויב א קינד מאכט א טעות און צעברעכט עפעס, ווער נישט צו אויפגערעגט ווייל אויב דו וואלטסט געווען א קינד וואלטסטו אויך צעבראכן זאכן.

איז לאמיר זאגן, דיין ווייב האט ליב צו רעדן. זאגסטו, "פארוואס רעד זי אזוי סאך? ס'גייט מיר אויף די נערוון." איזווארט ביז דו ביסט א פרוי, און דאן וועסטו איר דן זיין. יעדער מענטש דארף פאראורטיילט ווערן לויט זיין מצב און דו וועסט קיינמאל נישט פארשטיין זיין מצב.

## איינפלאנצן בלומען

אלזא, אויסער פון אויסרייסן די דערנער, דארף א מענטש זיין פארנומען מיט איינפלאנצן בלומען; איינפלאנצן פרוכט שפראצונגען און אלע גוטע זאכן. אנשטאט צו זיין א **חוֹרֵשׁ רָע**, פון די מענטשן וואס זייען איין שלעכטע מחשבות, זאגט דער פסוק ווייטער, **וְחֶסֶד וֶאֱמֶת חֹרְשֵׁי טוֹב**, די וועלכע טראכטן גוטע מחשבות וועלן באלוינט ווערן מיט נאכמער גוטע מחשבות. די וועלכע ווילן גיין אין די וועגן פון באשעפער - דער באשעפער טראכט שטענדיג גוטס אויף אונז - און פראבירן צו טראכטן די ריכטיגע געדאנקען איבער אנדערע אידן, זיי וועלן מצליח זיין; **הבא לטהר מסייעין אותו** און עס וועט מיט יעדע מאל ווערן גרינגער און גרינגער.

מיר רעדן יעצט נישט פון מעשים - מיר רעדן פון פאררעכטן דעם וועג פון טראכטן, זיך צו לערנען ווי אזוי צו טראכטן גוטע מחשבות איבער א צווייטן איד. ס'איז א גרויסע עבודה און איך אליין בין זייער ווייט דערפון. איך זאג דאס נישט פאר אייך; איך הער דאס פאר מיר בשעת איך זאג עס. אבער לאמיר צוהערן און אפשר וועט זיך אביסל דערפון אנקלעבן אין אונז.

## זוך און דו וועסט טרעפן

איך האב אמאל געהאט א רבי, א גרויסער רבי וואס האט אונז איינמאל געזאגט אז א מענטש איז נישט איין זאך - ער איז א צוזאמשטעל פון פיל זאכן. איך געדענק עס ווי נעכטן; איך האב אים דאס געהערט זאגן זעכציג יאר צוריק. "א מענטש איז נישט איין מידה," האט ער געזאגט, "ער איז א צוזאמשטעל פון מידות." איז קען זיין אז איין זאך איז נישט גוט, איז אבער עפעס אנדערש גוט אין אים. און דערפאר, אויב וועלן מיר זוכן, וועלן מיר טרעפן. אבער אויב מיר זענען פארנומען צו זוכן נאר וואס איז שלעכט, וועלן מיר דאס אויך טרעפן און 'מיר' וועלן זיין די דורכפעלער.

אט איז א מענטש וואס איז א רודף אחר הכבוד, ער האט זייער ליב כבוד. ער איז א בעל גאוה, ער טראכט גרויס פון זיך. איר ווילט אים דן זיין? ווארצל אויס די מחשבות און זוך גוטע זאכן; ער האט גוטע זאכן, איך גאראנטי דאס.

היינט הערט מען אז מענער און ווייבער קריגן זיך א גאנצע צייט. און אין געוויסע געגנטער דא אין שטאט ווערן מענטשן משוגע - אין געוויסע געגנטער טוט זיך גיט'ן און גיט'ן און גיט'ן. א טראגעדיע! וואס גייט דא פאר? די וועלט ווערט משוגע!

## די טראגעדיע פון א גט

זאגט א מענטש צו מיר, "נאך אלעם, ס'שטייט דאך אין די תורה א דין פון א

"גט, נישט אזוי?" משוגע'נער! ס'איז אויך דא מיתה אין די תורה און לוויות אין די תורה. מיתה איז א טראגעדיע און גיטין זענען א טראגעדיע.

אלזא, ווען איר רעדט צו פארפעלקער - איך האב היינט גערעדט צו עטליכע פרויען. זיי האבן מיר אנגערופן אין טעלעפאן צו זאגן אז זייערע מענער זענען אינגאנצן נישט גוט. "ס'איז זיין שולד. ס'איז נישטא קיין אנדערער וועג ארויס."

"וואס איז דער פראבלעם?" האב איך געפרעגט.

"ער איז אזוי שלעכט צו מיר," זאגט זי, "ער איז אוממענטשליך."

למעשה, אויב פרעג איך אים, בין איך זיכער אז ער וועט מיר געבן א באריכט אויף זיין ווייב; זי טוט נישט איר ארבעט, זי זוכט זיך פראבלעמען, זי קריטיקירט מיר, דערקוטשעט, דאס און יענץ.

יעדער טראכט אז ער איז גערעכט! און זיי זענען אלע אומגערעכט ווייל זיי זינדיגן אלע קעגן די געוואלדיגע מידה וואס דער באשעפער האט באפוילן אז דו זאלסט קונה זיין, צו דן זיין יענעם לכף זכות, אים צו משפט'ן צו גערעכטיגקייט.

## זינדיג נישט

ווערסטו זאגן, דו קענסט נישט טרעפן גוטס אין דיין ווייב? דו קענסט נישט טרעפן גוטס אין דיין מאן? מאך זיך נישט נאריש, מאך זיך נישט נאריש. דאס איז גארנישט אויסער שלעכטיגקייט! ס'איז אינגאנצן נישט אמת!

א ווייב טוט פיל זאכן פאר איר מאן און ער דארף טראכטן דעפון און איר שעצן אן קיין סוף. און אפילו אויב דיין ווייב האט עפעס געזאגט וואס זעט דיר אויס אומגערעכט, איז וואס? קענסט עס פארענטפערן אז דאס איז ווייל זי שפירט זיך נישט גוט היינט. אפשר איז זי נישט גוט געשלאפן אדער איז דא עפעס אנדערע פראבלעמען וואס מוטשען איר, דערפאר לאזט זי עס אויס אויף דיר; אבער זי מיינט נישט באמת דיר אפצוטון, איז זיי מלמד זכות.

אזוי אויך דארף די ווייב טראכטן אויף איר מאן. ווען א מאן קומט אהיים פון די ארבעט און זאגט עפעס נישט שיין, זאל די ווייב טראכטן ביי זיך, 'ער האט היינט געארבעט זייער שווער. ס'איז געווען פארמעסטונגען; אפשר האט דער גוי'שער אויפזעער אים באשולדיגט. מיין מאן האט נישט געמיינט קיין שלעכטס.'

און דאן, נאך וואס זי רייסט אויס די דערנער, הייבט זי אן צו איינזייען. 'איך ווייס, מיין מאן איז אן איש נאמן,' דערמאנט זי זיך אז ער גייט צו די ארבעט יעדן טאג. למעשה, ער וואלט ליב געהאט צו זיצן אינדערהיים. ער וואלט ליב געהאט צו גיין אין בית המדרש און לערנען. ער פילט ווי ער פארפאטשקעט זיין לעבן אינעם געשעפט וואו ער ארבעט אבער ער טוט עס פון געטריישאפט צו זיין פאמיליע.

עס זענען היינט דא אזויפיל ליידיגגייערס, ליידער. געוויסע מענטשן גייען צו אנטלאנטיק סיטי און פוסטעוועו אוועק. געוויסע מענטשן גייען צו די שטיבלעך און פאר'בטל'ן די צייט; זיי זיצן אין די שטיבלעך און לערנען נישט א ווארט. און דיין מאן איז אן אנשטענדיגער מענטש. ער ארבעט, ער שטיצט זיין פאמיליע, אוועקגעבנדיג זיין לעבן. זיין לעבן! יעדע וואך קומט ער אהיים און ער געבט איר געלט. זי טראכט איבער דעם און שעצט איר מאן. אזוי דארפן פארהייראטע מענטשן לעבן. זיי דארפן אלעמאל טראכטן גוטס איינער אויפ'ן צווייטן און שטענדיג פראבירן צו פארענטפערן אז דער צווייטער צד האט געמיינט גוט.

## א גוטער געשעפט

אצינד וועלן מיר צוריקקומען צו איינע פון די געוואלדיגע לערעס וואס מיר לערנען דורך קרח. די שרעקליכע טראגעדיע איז געווען א רעזולטאט פון דעם טעות פון קרח צו דן זיין משה רבינו לכף חובה; צום זייט פון שולד. אנשטאט אים צו דן זיין לכף זכות, האט קרח געלאזט דאס קערנדל פון חשד און אומצוטרוי וואקסן ווילד און איר ווייסט וואס עס האט פאסירט צום סוף - ס'איז געווען פון די גרעסטע טראגעדיעס. **וַתִּפְתַּח הָאָרֶץ אֶת פִּיהָ** - און די ערד האט געעפנט איר מויל און איינגעשלונגען קרח. דאס איז געווען א מורא'דיגער אויפרייס פאר גאנץ כלל ישראל! קרח! "אויב דאס קען פאסירן צו אזא מענטש, קען דאס פאסירן אויך צו אונז!"

און דאס גאנצע פאלק איז געווארן פארנומען צו לערנען דעם געוואלדיגן מוסר השכל אז איינע פון אונזערע פליכטן אין לעבן איז צו נעמען דעם גארטן פון אונזער מח און עס אנטוויקלען דאס בעסטע וואס איז אין אונזער מעגליכקייט דורך איינפלאנצן זומען פון זיין דן את חבירו לכף זכות, פון פראבירן דאס מערסטע וואס איז שייך צו משפט'ן א צווייטן איד מיט א גוטן בליק און אלעמאל טראכטן גוטס אויף יענעם. ווייל דאס איז דער ציל פארוואס דו ביסט געקומען אויף די וועלט; איינצופלאנצן א פעלד פון אויסדערוועלטע פירות און א גארטן פון הערליכע בלומען אין דיין מח.

און מיר טארן קיינמאל נישט פארגעסן וואס די חז"ל זאגן אונז (שבת קכז:), ווי ווייט די אינוועסטירונג פון פלאנצן צאלט זיך אויס. **הַדָּן אֶת חֲבֵרוֹ לְכַף זְכוּת** - אויב דו שטרענגסט זיך אן צו משפט'ן א צווייטן מיט א פאזיטיווע ליכט; דו שטארקסט זיך אויף די נאטורליכע פויליקייט אין קאפ און דו זוכסט דאס גוטס, **הַמָּקוֹם יְדִינֵהוּ לְכַף זְכוּת** - דאן וועט זיין מדה כנגד מדה, דער באשעפער וועט דיר אויך משפט'ן לזכות. און ווען דער באשעפער טוט עס, קענסטו זיכער זיין אז ער טוט עס מיט א פולע האנט, אן איבערגעפילטע האנט פון שכר אויף די וועלט און אויך אויף יענע וועלט.

**שאלות ותשובות - מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל**

## שאלה:

**צי דארף מען זאגן אז אלעס איז גוט כאטש וואס מיר פילן עס נישט?**

## תשובה:

דער ענטפער איז, יא! ווייל והלכת בדרכיו - מיר דארפן גיין אין די וועגן פון באשעפער, און דער באשעפער זאגט אין די תורה: וירא אלקים את כל אשר עשה - און דער באשעפער האט געזען אלעס וואס ער האט געמאכט, והנה טוב מאד - און אט עס איז געווען זייער גוט. דער באשעפער האט געזאגט אז עס איז זייער א גוטע וועלט! און דערפאר, אנשטאט ארומצוגיין קרעכצן, "ס'איז צו הייס, ס'איז צו א נאסער וועטער," אדער "ס'איז צו קאלט - ס'איז צו פארכמורעט, ס'רעגנט;" אנשטאט דעם, זאלן מיר שטענדיג רעדן גוטס אויפ'ן באשעפער'ס וועלט.

ס'איז הייס? וואונדערבאר! די עפלעך ווערן רויט אויף די ביימער. די בארן ווערן זיס אויף די ביימער. אויב ס'וואלט נישט געווען הייס, וואלטן זיי נישט געווארן זיס. אויב ס'איז קאלט, איז דאס אויך וואונדערבאר! די ערד טוט זיך יעצט אפרוען פון פראדוצירן און בשעת ס'רוט זיך אפ טוען זיך באנייען אלע מינעראלן וואס זענען אויסגענוצט געווארן, אלע מאטריאלן וואס די ערד האט פארלוירן אין די זומער צייט. אן דעם ווינטער קען נישט זיין קיין זומער. אויב וואלט געווען א גאנץ יאר זומער, דאן וואלט די ערד געהאלטן אין איין פראדוצירן און עס וואלט געווארן אויסגעטרוקנט און אומפרוכטבאר. דאס איז פארוואס די ערד נעמט וואקאציע אין די ווינטער צייט. קעלט איז וואונדערבאר. קעלט צווינגט די ערד צו אויפהערן פראדוצירן.

רעגן איז וואונדערבאר. אן רעגן, זענען מיר גארנישט. ווען עס רעגנט, קומען מיר אראפ פון הימל. איר זענט אמאל אראפגעקומען אין די רעגן! מיר זענען 80% רעגן. מיר זענען אמאל אראפגעקומען פון די רעגן. און מענטשן קרעכצן און רעדן זיך אפ אויף די רעגן. דא קומען מיר אראפ פון די וואלקענעס און מיר רעדן זיך אפ קעגן זיך זעלבסט. דאס איז אונזער געלעגנהייט צו קומען אויף די וועלט! דאס איז רעגן! און דערפאר, ווען די רעגן קומט אראפ, קומען אלע בחורים פון די ישיבות אראפ און זייערע צוקומפטיגע כלות קומען אראפ. זיי קומען אלע אינאיינעם אראפ פון הימל. דערפאר איז רעגן וואונדערבאר.

אלזא, דער באשעפער זאגט אז ס'איז זייער א גוטע וועלט און ער וויל אז מיר זאלן דאס האלטן אין איין זאגן א גאנצע צייט. הודו לה' כי טוב, אז ער האט געגעבן אזא גוטע וועלט; און אויב איר האלט דאס אין איין זאגן, נאך א שטיק צייט וועט איר עס אנהייבן צו שפירן.